# יידישע כתבים

## פֿון אַ ווייטן קרוב

איבערגעגעבן צום דרוק

על ידי

מיכה יוסף בן גריון

(בערדיטשעווסקי)

איקוף פֿאַרלאַג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פֿון די איקוף פֿריינט
נחום און פֿאַניאַ וויינשטיין
פֿון באָסטאָן

אין ליכטיקן אָנדענק פֿון
זייער פֿאַרשטאָרבענער מוטער
טויבע מירקיס ע״ה

געשטאָרבן אין די טעג פֿון די
בלוטיקע שלאַכטן אין ירושלים
דעם 19־טן מאַי 1948

Copyright by
YIDDISHER KULTUR-FARBAND—YKUF
New York, 1951

M. J. BERDITSHEWSKY
(M. J. BEN-GURJON)
YIDDISHE KSOWIM

129

Printed in U.S.A.

מי יודע וויפֿל, אַז זי וואָלט געווען מיינע. מיינע איז אָבער קראַנק, און דאָס איז אַ קרובה און מען טאָר נישט. אַ ייד טאָר נישט אָנרירן אַ פֿרעמדע נקבה און פֿאַר איין ריר איז צען יאָר גיהנום. וואָלט זי זיך אויפֿגעהויבן און וואָלט אַוועקגעפֿאָרן... איך וואָלט געדאַנקט גאָט. זי פֿאָרט אָבער נישט, און מיר דערקוטשעט עס אין האַרצן ביז צום שטאַרבן.

אַוועקגעפֿאָרן איז זי שוין. אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. איר פּנים האָט זיך מיר איינגעפֿרעסן אין האַרצן, ווי אַ שד. מאָלט אייך אויס, אַ ייד ווי איך פֿון איבער פֿערציק יאָר, און קיינער וואָלט אויף מיר אַזוינס נישט געגלויבט. און איך גיי אַרום האַנדל, קויף פֿאַרקויף, און האָב עפּעס אין זינען, וואָס דער רוח ווייסט דאָס. אַז מיינע וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט זי געשטאָרבן פֿון שרעק! און ס׳רוב, אַז עס דערגייט מיר, גלוסט זיך מיר איר צו זאָגן: פֿאַרוואָס ביסטו נישט ווי יענטע? יענטע איז, ווי איר פֿאַרשטייט, די פּלימעניצע. איך בייס מיר אין מויל און זאָג מיר: ביסט דאָך נישט קיין קאָוואַל צי אַ באַלמעלאָכע. אין בית המדרש האָסטו אַ שטאָט אין שפּיגל. שעם זיך פֿאַר זיך אַליין. און איך שעם זיך גאָרנישט, און איך טראַכט נאָר פֿון יענער. אַן אַנדערער וואָלט נישט געסמעיעט דאָס צו זאָגן און וואָלט זיך צען מאָל אָפּגעביסן די צונג, אָבער אייך דערצייל איך אַלץ. איך האָלט דאָס נישט מער אויס. טאָג און נאַכט טראַכט איך אַלץ פֿון יענער. וואוהין איך גיי, שטייט זי מיר פֿאַר די אויגן; איך זאָג אייך, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון זינען איז דאָס אַ נס.

## דער דאָרפֿס־ייד

וואָרט אין וואָרט נאָכנאָטירט

ר׳ יאָסל, איך קאָן גאָרנישט רעדן. קענען קענט איר מיך גוט. אַ ייד בין איך, און גלאַט אַזוי, אַ פּראָסטער. ערגעץ־וואו בין איך געבוירן. מיין טאַטן האָט מען גערופֿן יאַנקל. אַוואו האָלט איך? אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איר פֿאַרשטייט, אַז דאָס לשון קלעפּט זיך מיר נישט אויף יידיש, אַז מען איז שטענדיק צווישן גוים, פֿאַרגעסט מען אָפֿילו דאָס ביסל עברי. נעכטן איז צו מיר געקומען דער פּריסטאַוו. — אַ קלייטל האָב

איך, האָלט אַ ביסל דיאַגאַט, צוקער, בראַנפֿן אין אַ פֿלאַש, אַ שטריקל, אַ טשוואַק. גאַרנישט, ס׳ציקעט זיך... איר זענט אָפּנים פֿון זייערע לייט. וואָרים איך זע, איר גאָלט די באָרד... וואוינען וואוין איך אין אָקסאַנינע. קינדער האָב איך נישט. אויך מיט יענער האָב איך נישט געהאַט קיין קינדער. זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ביי אייך אין יענע מקור־מות זיינען דאָך אויך פֿאַראַן דערפֿער, טאָרן דאָרט וואוינען יידן? ווילט איר מיך אויסהערן? האָב איך אייך שוין געזאָגט ווי איך הייס? בן ציון הייס איך, בן ציון קאַזאַנקאָוו — אַזוי חתמע איך זיך. אַ נכתּב בין איך פֿון קאַמענעצער גובערניע. מילא, אַז איך האָב ניט קיין קינדער, האָב איך מיך געדעשעט, נישט צו האָבן קיין קינדער. איר מוזט דאָס פֿאַרשטיין. היינט איז דינסטיק. יאָ, אייערנעכטן איז ביי מיר געווען דער פּריסטאַוו. איך וויל אייך עפּעס זאָגן, פּאַזוואָליעט מיר זיך אַ ביסל אַנידערצוזעצן, איר ווייסט: די פּיס. איר האָט אייך דאָ אָפּגעדונגען אַ גוט שטיבל ביי חיימען. נעכטן האָט מיר אַ כּפרהניק געזאָגט, אַז עס וועט זיין מלחמה. איר מוזט דאָס אָוודאי וויסן. נו, וויל איך אייך דערציילן מיט אַ טאָלק. פֿאַרוואָס בין איך צו אייך געקומען? אַז איך האָב געהערט, אַז איר זענט דאָ, האָב איך מיר געזאָגט: אַי, ווינאָוואַט. איך האָב געהערט, אַז איר וואוינט נאָך ערגעץ ווייטער פֿון רוסלאַנד און דאָרטן זיינען אַלע מענטשן דייטשן. ווייס איך, אַז איך בין געקומען צו אייך, האָב איך מיר געטראַכט, איר זענט דער מענטש, וואָס קען געבן אַן עצה. איר פֿאַרשטייט: זי, אַ יידענע, וויל אַ קינד און זי דאָקטערט זיך ביי פֿעלדשערס און ביי טאַטערס. די אויגן זיינען איר שוין שיער אויפֿגעפּרעסן פֿון די קרייטעכצן און גערויכערטע קוילן. פֿריער איז געווען אַ גויה אַ מכשפֿה, און זי האָט געזאָגט, אַז איך מוז אויך טרינקען פֿון אַ מין; דערנאָך האָט דער רוח אונטערגעטראָגן אַן אַנדער מין שלאַק, אַ טרעפֿער אויף קאָרטן. האָט קיין פֿאַריבל נישט, טאָמער קען איך ביי אייך קריגן אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען. קכי, קכי, קכי. (ער פֿאַרהוסט זיך).

איך וויל אָנהויבן פֿון אָנהויב, נאָר איך זע, אַז איר האָט נישט קיין צייט, וואָרים איר קוקט אויפֿן זייגער... איך בעט אייך נאָך אַ מינוט־קעלע. ביי וואָס בין איך געבליבן? איר פֿאַרשטייט, אַז איך הויב אָן צו רעדן, ווער איך ווי זאַמעשאַיעט. דער קאָפּ, דער קאָפּ, איר ווייסט נישט, וואָס מיר קומט אַריין אין זינען, אַז איך זע אייך דאָ זיצנדיק,

און איך קען אייער טאַטן. עפּעס אַמאָל, צוריק מיט פֿערציק יאָר, בין איך אויך געווען אַ ייִנגל. יענע יאָרן, ווער האָט געהאַט מחשבות? וואָס־זשע האָב איך אייך געוואָלט דערציילן? איך זע, מען סודעט זיך פֿון מיר. נעם איך זיך צו איר: זאָג אויס, וואָס האָט איר אויסגעטראַכט, וואָרים ווען נישט, צעברעך איך דיר די ביינער! זאָגט זי, זי טוט עפּעס... מילא, אַז דו טוסט — טו, אָבער וואָס וויל דער בחור? ער איז אַ שטיק רופֿא. אַ רופֿא איז ער, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן און אין זיין מאַמעס מאַמען! הערט מיך אויס ר׳ יאָסל, האָט קיין פֿאַראיבל נישט, אַז איך זאָג צו אייך יאָסל. ביי וואָס בין איך געבליבן! אַז דער פּריסטאַוו איז געקומען צו מיר, האָב איך צו אים געזאָגט, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. דער מענטש האָט צוגעגנבט די לעפֿל און די בעכערלעך, געזאָגט האָט ער, אַז ער מוז זיי האָבן, כּדי זיי צעשמעלצן אינאיינעם מיט בליי און דאָס טעפּל אַריינשטעלן אין בעט אַריין צוקאָפּנס... אַז דער פּריסטאַוו איז אַוועקגעגאַנגען, גיב איך מיר אַ קלער, טאַמער איז גאָרנישט גוט, אַז איך האָב אים אַלץ דערציילט. מילא ער, דער בחור, קען פֿוילן אין אָסטראָג, אָבער זי וועט דאָך זיין זאַמעשאַיעט. זיך גיין לאָדן מיט זיי און האָבן צו טאָן מיט זיי! אָבער וואָס זאָגט איר צו דעם גנב? דאָק־טערט און דאָקטערט, און צום סוף לאָזט זיך אַרויס אַזאַ מאַשענסטווע. לעפֿל פֿון ריינע זילבער, וואָס איך האָב זיי שוין צוואַנציק יאָר, ווילט זיך אים זיי צעשמעלצן מיט בליי. אַזאַ מאַשעניק. די גאַנצע וועלט איז גאָלע מאַשעניקעס. גלויבט קיינעם נישט, ר׳ יאָסל!

## אַ ציגאַר

יאָסל שמעונס בין איך. דערמאָנט איר זיך נאָך? בין איך דאָך גע־זעסן נעבן אייער רבין, אַז איר זענט נאָך געגאַנגען אין חדר. די צייט לויפֿט! עס קומט מיר אויס, ווי עס וואָלט דאָס געווען נעכטן, אַז איר האָט נאָך געלערנט ביי למכן; און איך האָב נאָך געזאָגט צו אייך „דו". מיין ווייב לייצע, זאָל זי האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, זי האָט געהאַט אויגן. זי פֿלעגט מיר תּמיד זאָגן: דו וועסט זען, אַז פֿון יאָסלען דעם רבס וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויס, און אַצינד זיצט איר אין פּרייסן, אין דער ווייטער מדינה, און מיר זיצן דאָ און בידעווען... דעמאָלט, נאָך אײדער איר זענט אַוועקגעפֿאָרן, זיינען געווען גאָר אַנדערע יאָרן. הייַנט

טאָקע איציקל און זיין נשמה איז אויך נישט פֿון קלאָטשע. אַז איר וואָלט מיר דאָס אויפֿגעשריבן. — טאָמער נעמט ער מיך אַהין קיין אַרגענטינע. אַז פֿאָרן פֿאָר איך באַלד, ווי איך שטיי און גיי. זאָגט מען מיר: האַק האָלץ, האַק איך האָלץ; טראָג שטיינער, טראָג איך שטיינער; אַבי פֿאַרדינען. זעט איר, איך טראָג אַ קאַפּאָטע פֿון צוואַנציק גראָשן אַן אַרשין שוין יאָרן, מער באַדאַרף איך נישט פֿאַר זיך; מפֿרנס זיין דאָס ווייב, דאָס יאָ, צו געבן די קינדער ברויט, יאָ. וואָס האָבן זיי געזינדיקט? ניין, איר ווייסט נישט, ווי מען לעבט אַצינד ביי אונדז.

# אויף הוצאות

אַז איך וואָלט געווען אַליין אַ באַלעבאָס, וואָלט איך אפֿשר געווען אַ ביסל בעסער; אָבער אַז מען איז ביי דער שוויגער, צוויי מכשפֿות אין איין שטוב, זי און מיינע! טאָמער מיינט איר, איך טו נישט אַקוראַט, וואָס זיי ווילן, צי גאָר לײדיק גיין. גלויבט מיר, איך טו אַלץ און גיב אויף אַלץ אַכטונג, אָבער גיי, טרעף זיי צו! אַן אמתער בלבול, זאָג איך אייך, ערגער ווי ביים ערגסטן מלמד אין חדר... קינדער האָט מען עטלעכע. ביי אַלעמען בין איך די ניאַנקע. ברכות לייגט מען אין מיר אַריין געגנוג. אַ רוח אין דיין טאַטן און אין דיין טאַטנס טאַטן. אויסגעריסן זאָלסטו ווערן, פֿאַרשרפֿעט זאָלסטו ווערן, המנס מפּלה זאָלסטו האָבן; זאָלסט דיר צעברעכן הענט און פֿיס און זאָלסט גיין אויף קוליעס. איך זאָג אייך, דאָס איז נאָך גאָרנישט. אַז זיי הויבן אָן צו שעלטן, גייט עס ווי אַ זאַווערוכע, אויף קיין יידישער שטוב נישט געזאָגט געוואָרן; אַז מען האָלט דאָס אויס, איז מען שטאַרקער פֿון אייזן.

כ׳בעט אייך, ר׳ יאָסל, טאָמער וואָלט איך אַוועק אין יענע מקומות? ר באַראָן הירש, לעבט ער נאָך? די ציונים טוען אויך עפּעס? דאָס איז אָבער אַ מין זאַך, וואָס מען שטעלט דערביי איין דאָס לעבן. געלט גיבן זיי? אַז נישט געלט, טאָ וואָס דען? זענט איר פֿון זייערע, איך וואָלט געוואָלט מיט אייך שמועסן. מאָנטיפֿיאָרי, זעט איר, דאָס איז געווען אַ ראַיעלע זאַך, דעמאָלט צי ניקאָלאַיס צייטן, היינט פֿאָרט דער עולם קיין אַמעריקע. אַז איר וואָלט געווען אַ גוטער, וואָלט איר ביי זיי געקענט פּועלן, אַז זיי זאָלן מיר געבן אויף הוצאות. די מכשפֿות וואָלט איך געלאָזן דאָס בעטגעוואַנט און וואָלט זיי געלאָזן אויף אייביק אַ פֿייג...

צי בין איך שולדיק, אַז מען מוז אויף דער עלטער אָנקומען צו יענעם? קיין נדבות נעם איך נישט, אָבער אַז איר וואָלט מיר געקאָנט העלפֿן מיט אַ קערבל! שיקן שיקט ער שוין לאַנג נישט. איך בעט אייך צען מאָל איבער, אַז איך רעד צו אייך אַזוי. איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, גאָט זאָל אייך באַצאָלן. אַז איך וועל אַמאָל שרייבן צו שלומען, מוז איך אים שרייבן וועגן אייך; אָבער צי זיצט ער אין אויף איין אָרט? אַצינד איז ער שוין גאָר אין אַפֿריקע... אַז די וועלט איז גרויס...

## אויף דער עלטער

יאָסל, דו דערקענסט מיך גאָרנישט? איך בין דאָך דיין רביצין. ווי לאַנג איז דאָס, אַז דו ביסט געגאַנגען צו אונדז אין חדר, אַ יאָר צוואַנציק מסתמא. מיין יואל איז שוין דרייצן יאָר עליו־השלום. ווער האָט זיך דעמאָלט גערעכט אויף דיר, אַז דו וועסט ווערן אַ דייטש! מיר האָבן געמיינט, אַז דו שניידסט זיך אויף אַ רב אין בערדיטשעוו. ביסטו ביי זיי כאָטש אַ ראַבינער? אַ ייד ביסטו דאָך נאָך און האָסט נישט פֿאַרגעסן אונדזער שטעטל, ניין! ניין! ווי אַזוי גאָט פֿירט די וועלט: זיצסטו דאָ אַן אַ היטל און איך קום צו דיר און זע אָט יענעם יאָסלען, דאָס וואויל יינגל מיט פּייקעלעך. ביסט מיר שוין, דאַכט זיך, געווען אַ חתן ביי אַ גביר; וואַרפֿסטו אַוועק אַלץ, גיסט אָפּ דעם קורס און קומסט אַראָפּ אַ פֿאַרטיקער דאָקטער. און מיין יואל שטאַרבט און איך בין אויף צרות. דו געדענקסט נאָך מיין שטוב מיט דער קלייט? אַלץ האָב איך זיי אַוועקגעגעבן. וואָס באַדאַרף אַ ייִדענע ווי איך? אַצינד האָב איך חרטה. אָבער וואָס העלפֿט דאָס מיר? די וועלט איז שוין אַזוי, אַז מען פּלאָגט זיך אַן מיט קינדער, און דערנאָך פּלאָגן זיי די עלטערן. שטייט דאָך געשריבן אין דער תּורה די מצווה פֿון כּיבוד־אָב־ואם, און דאָס מוז מען מקיים זיין, און מיינע פֿאַרגינען נישט דער מאַמען דעם לעפֿל יויך... מילא ער, דער איידעם מיינער, איז דאָך בסך־הכּל אַ פֿרעמדער, און אַז איך וואָלט נישט געהאַט דעם איידעם, וואָלט איך געהאַט אַן אַנדער איידעם. אָבער זי, די טאָכטער מיינע, בתיה, דו קענסט בתיהן? וואָס פֿאַר אַ וואויל מיידל דאָס איז געווען און אַ בנעימותדיקע, און ווי זי איז געהאַנגען אַן דער מאַמען. האָט זי אָבער אָנגעטאָן דאָס טיכל, איז זי גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

מאָל דיר אויס מיין ווייטיק: עס איז מיין שטוב, עס איז מיין טיש און מיינע בענק; איך האָב געגעבן די איבערבעטן און די קאָלדרעס וכל המלבושים. עס איז נישטאָ אַ טעלערל אין שטוב, וואָס איז נישט מיינס, און געלט האָבן זיי מיך אויך גענוג אָפּגעקאָסט; און איך, די מאַמע, צו די עלטערע יאָרן, בין שוין איבעריק. איך שעם מיך צו זאָגן, אָבער איך ווייס, זיי ווינטשן מיר, איך זאָל זיין דאָרט, וואו דער טאַטע ליגט. און די אייניקלעך, זיי לאַכן אויך פֿון אַן אַלטן מענטש.

מילא, די עבירה בין איך דיר שוין מוחל. היינט האָט קיינער נישט קיין מורא פֿאַר גאָט, אַפֿילו די פֿרומע און אַפֿילו די, וואָס זאָגן אַז דו ביסט אַ גוי. אָבער איך בין דאָך די מאַמע, וואָס האָב זי געטראָגן אונ־טערן האַרצן און וואָס איך האָב זי געהאָט, און דעמאָלט האָט יואל, עליו־השלום, נאָך נישט געהאַט קיין שם, און די קלייט איז געווען אַט נאַר־וואָס, אָן קונים און אָן סחורה און אָן לייב־און־לעבן. וואָס האָב איך געהאַט צו ליידן מיט דער פּראַקלאַטע! דאָ די דאַר, דאָ מאַזלען, דאָ פּאָקן און דערנאָך, אַז זי איז געוואָרן אַ גרויס מיידל, מוז מען דאָך תּמיד האָבן אין זינען קליידער און שמאַטקעלעך און היטעלעך. און דעם רבין דיינעם געדענקסטו, און דו פֿאַרשטייסט מסתמא, ווי איך האָב געמוזט זיך רייסן מיט אים וועגן איטלעכער זאַך. און דערנאָך די התונה! ווער האָט דאָס געזען ביז דעמאָלט ביי אַ מלמד אַזאַ התונה. און אַצינד, צאָלן זיי מיר אָפּ אַלץ מיט פּראָצענט. אַפֿילו דעם אויוון לאָזן זיי ביי מיר נישט הייצן. איך זאָג אייך, איך קום אום! די גאַנצע וואָך לעב איך נאָר פֿון אַ שטיקל בול־קע און אַ ביסל קאַליש, וואָס איך קאָך מיר אַליין, און אַז עס קומט שבת, און איך וויל עסן מיט זיי ביי איין טיש, ווי אַ מענטש, מוז איך געבן צושטייער...

טאָמער קאָנסטו אים רופֿן צו דיר, יאָסל, און זיך מיט אים דורכשמו־עסן? פֿאַר אַ דייטש האָבן זיי מורא דאָס קדחת, און אַ ביסל וועט ער זיך שעמען. מען זאָגט, אַז דו ווילסט, קאָנסטו שרייבן אין די בלעטער. איך זאָג דיר, איידער צו האָבן אַזוינע קינדער, איז שוין בעסער גאָרנישט צו זיין קיין מאַמע!

זאָג־זשע מיר, איך בעט דיך, טראָגט דאָס אַ סך איין, די דאָקטעריי, וויפֿיל האָט מען דערפֿון אַ חודש? האָב מיר קיין פֿאַריבל נישט, אָבער באַטש איך בין אַלט און שטיי שוין, ווי מען זאָגט, מיט איין פֿוס אין קבר — איך וויל אָבער נאָך נישט שטאַרבן, כּדי נישט צו מאַכן זיי קיין פֿרייד,

— בין איך פונדעסטוועגן טשיקאווע צו וויסן, צי דו האסט בעסער געמאכט, וואס דו ביסט נישט געווארן ערגעץ א גרויסער רב. איך האלט דיך נישט פאר קיין נאר און איך ווייס, אז דו וועסט נישט שטודירן אומזיסט. עולם־הבא וועסטו אוודאי נישט האבן דערפון. טא האב כאטש די וועלט. גלויב מיר, איך גין דיר דאס. ווען יואל וואלט געלעבט וואלט ער מיט דיר א שמועס געטאן אין לערנען, כדי צו זען, צי דו האסט נאך נישט אלץ פארגעסן. רבונו־של־עולם! איך זע דיך נאך, ווי דו זיצט ביים טיש פארטראכט ביי דער גמרא. דעמאלט האב איך מיר געזאגט: אט־דער קוקט ערגעץ אנדערש... יואל איז געווען דער גרויסער למדן, ווי דו ווייסט, אבער ער איז געווען א פלאטשיקער, און האט נישט געקענט זיינע אייגענע תלמידים; אבער איך האב געהאט אויגן...

און פונדעסטוועגן, ווען איך וואלט געהאט נאך א מיידל חתונה צו מאכן און דו ביסט, ווי איך הער נאך א בחור, וואלט איך זי דיר בעסער געגעבן ווי פיניען, דעם אידעם מיינעם, דעם שייגעץ. וואס האב איך פון זיינע צוויי פאר תפילין, אז ער איז א הונט! אוודאי וואלט עס געווען גוט, אז דו זאלסט יא א ביסל דאווענען, אבער ביי אזעלכע מענטשן, ווי דו, קאן מען כאטש אויסרוען. טרייפות וועט מען נאך ביי דיר נישט עסן, אזוי וויט ביסטו נאך נישט אוועק; איך זע עס ביי דיר אן די אויגן, אז דו ביסט נישט א שונא פון יידישקייט.

ווי לאנג ווילסטו נאך בלייבן ביי אונדז? ווי געפעלט דיר היינט שעפעטיווקע? עס איז ביי אונדז א סך געווארן אנדערש, אבער אין תוך געגומען — ניין, בעסער צי מיך נישט ביי דער צונג: איך וואלט געקאנט דערציילן דיר א סך פון אונדזערע שעפעטיווקער; מעגסט דאנקען גאט, אז דו וואוינסט אין פרייסן, וויט פון דאנען. ווייסטו, עס ווילט זיך מיר גארנישט גלויבן, אז דו ביסט אט דער יאסל פון אמאל. זאג מיר דעם אמת, פלעגסט זיך דערמאנען אמאל אויף דיין רבין און אויף דער רביצין דיינער? דו ווייסט, ווי ליב מיר האבן דיך געהאט! אי איז דאס א וועלט, צו וואס דער מענטש קאן דערלעבן. וואס איז דאס לעבן וואס איך פיר? מען שלעפט זיך ארום און די אייגענע קינדער איז מען נמאס...

גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פריצל, מוז עס אַזוי זיין! גאָטעניו, איך פֿאַל, איך גיב אַ קוק אין פֿענצטער, דאָס פריצל פֿאָרט צו מיר רייטנדיק און מאַכט מיטן בייטשל; ער איז שוין ביי דער שטוב, איך וויל אַנטלויפֿן, וואָרים איך האָב נישט די העזה אים צו קוקן אין פנים אַריין. ער איז אָבער שוין דאָ; איך זאָג אייך, די מינוט האָט מיך אָפגעקאָסט אַ האַלב לעבן. וואָס־זשע טוט גאָט? גיט ער מיר אַריין אַן עצה און איך זאָג: פריצל, אָ־דאָ האָב איך אייך צעשניטן דעם האַלבן פֿונט הייוון. צי דאַרפֿט איר עס דען האָבן אויף איין מאָל? וועט די פאַני פֿאַרשפאָרן צו צעשניידן. איך וויקל אים איין אַלץ אין ריינע ווייסע פאַפיר און מיינע הענט ציטערן; ער נעמט אַרויס דעם טייסטער און באַצאָלט און דאַנקט. אַזאַ מזג, איך וואָלט אים געקאָנט קושן די הענט פֿאַר זיין גוטסקייט; טרערן זיינען מיר אַריין אין די אויגן פֿאַר פֿרייד. איך זאָג אייך, שרה־ריוועצ, איך בענטש נאָך עד־היום דעם בורא, וואָס ער האָט מיר דעמאָלט צוגעשיקט אין מויל אַריין די ווערטער, אַזוי צו זאָגן, און עס האָט געפֿירט צום גוטן. אָבער וואָס איך האָב אין די פֿיר שעה איבערגעלעבט, דאָס קאָנט איר אייך גאָר־נישט אויסמאָלן.

## שרה

צרות מיט געלט איז נישט אַזוי שלעכט, אָבער צרות אָן געלט... אַ יידענע מיט דריי קינדער און מיאוס, ווי איך בין! דער מאַן מיינער האָט מיך פֿיינט געהאַט, און איך אים, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיטן מלאך־המוות און מיך איבערגעלאָזן מיט אַנדערטהאַלבן קישן און דריי זעקסער במזומנים. צען יאָר האָב איך געהאָרעוועט און פֿאַרדינט און אָפגעלייגט אַ גילדן צו אַ גילדן און דאָס ערשטע קערבל שוין געגעבן אויף פראָצענט און אַ באָרג מיט חובות אָפגעצאָלט און אַלץ אין שטוב — אָנגעהויבן פֿונעם טאָפטשאַן — געקויפֿט ניי. געשענקט האָט מיר אַוודאי קיינער נישט. מען קאָן מיך און מען ווייסט, אַז שרה צאָלט.

און ווער האָט דערצויגן די קינדער? ווער האָט זיי געמאַכט מיט לייטן צוגלייך? ווער טראַכט מכּוח אַ תּכלית פֿאַר זיי? איך, איך! אַז זייער טאַטע איז געשטאָרבן, זיינען זיי געוועז אויסגעדעוועט, הויט און ביין, און היינט קוקט נאָר אָן: פיסקעס מיט באַקן, ס׳איז דאָ אויף וועמען צו קוקן. יאָ,

צוערשט ווערט מיר געזונט, קינדער, זשאַלעוועט נישט דער מאַמעס שמאַלץ און באַקומט פּנימער, ווי מענטשן. געלט איז דאָ פּאָר איטלעכן, אַז שרה וועט טאָן אַ שידוך מיט אַ קינד, וועט זי ציילן אויפֿן טיש. ביי מיין טאַטן האָב איך דאָס אַוודאי נישט געלערנט, וואָרים ער איז געווען אַ קבצן פֿון קבצן־לאַנד און האָט אין זיין לעבן נישט געזען אַזוינס, וואָס מען רופֿט אָן געלט, און אַז דער מאַן מיינער וואָלט געווען געלעבט, וואָלט מיך אויך אפֿשר געהאַט דער גוטער יאָר. ער האָט אַזוי געקאָנט פֿאַרדינען, ווי איך קאָן מיר היינט אָנטאָן אַ שטריימל און ווערן אַ גוטער ייד. אַז עס איז געווען אַ גאָרנישט, גלאַט אַ גאָרנישט, און כּלומרשט טוט מען זיך אַלע יאָר אַ הוסט, וואָס שמעקט מיט טשאַכאָטקע.

איך הויב מיך אָן צו דערמאָנען ווי אַזוי מיר האָבן אונדז גענומען. איך אַ מויד ביי שלושים, מיט אַ פּנים ווי אַ ריבאייזן און ער אַ פּועל־בטל. עפּעס האָט ער געוואָלט זיין אַ מלמד, צי אַ שמש, צי אַ בעדער, — זיי וואָס דו ווילסט. אַבי זיי! — אָבער נאָר נישט אַ גאָרנישט, מילא נדן האָב איך אים געגעבן אַ מכּה, נו, ער איז שוין אַ היפּש שטיק יאָר טויט און איך רייד נאָך אַלץ אויף אים, עפּעס האָט דער מענטש אַ גאַל. זאָל איך זאָגן, הלוואַי וואָלט איך אים גאָרנישט געוועזן דערקענט? ביין! דאָס נישט, וואָרים השגחה שטייט דאָך געשריבן... דער מאַמען זיינער האָט זיך גאָר פֿאַרגלוסט און זי האָט מיר אָנגעהויבן צו זאָגן שטעכווערטלעך נאָך דער חתונה; מיט דער האָב איך באַלד געמאַכט אַ סוף. מיט מיר זיך אָנהויבן: צען מאָל אַ רוח אין איר טאַטן אַריין; האָט אַזאַ זון, וואָס איז נישט ווערט קיין צוויי גראָשן, און איז נאָך ביי זיך אַ מיוחסת... היינט אָבער, אַז זי קומט אָן צו מיר און איך וואַרף איר צו אַ ביסן, שווייגט זי; און אַז עס אַרט זי, ווען זי זעט ביי מיר אַ פֿולע שטוב, זאָל זי צעזעצט ווערן קוקנדיק. אַוודאי האָב איך מיך נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך; איך ווייס, אַז איך האָב עס געבראַכט צו אַ שטיקל טאָלק און אַז דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מיינע הענט, און אַז ביי מיר אין קאָפּ איז אויך נישט פּוסט. ווי איר זעט מיך, בין איך מיר אַ יידענע, וואָס ווייסט נאָר פֿון האָרעוואַניע; אמת, געלערנט האָב איך קיינמאָל נישט, אָבער די וועלט קאָן איך און אויערן האָב איך, און אויגן האָב איך, און הערן הערט מען, און זען זעט מען אומעטום.

איך זאָג אייך, לאַכט נישט פֿון אַ יידענע! איך קאָן מיר איטלעכן אין שטאָט און ווייס מיר, ווי עס שטייט מיט מיינע יונגען, און אַז איינער

האַלט ערשט ניין חדשים פֿאַרן אַנזעץ, זע איך עס שוין תּיכּף ביי אים אויפֿן שפּיץ נאָז. און אַז מען רעדט וועגן גאָט און מען פֿאַרדרייט מיט די אויגן, פֿאַרשטיי איך שוין וואו דער שוך קוועטשט... און אַז איינער קומט און טראַכט ביי זיך מיך אָפּצונאַרן, איז ער שוין אָנגעקומען צו שרהן! געלט גיב איך נישט אויף אַ יחוס און אויף באָרג אויך נישט, וואָרים, אַז איינער קומט און וויל לייען געלט, קאָן ער שוין האָבן אויף דער דעה נישט צו וועלן באַצאָלן, און פֿאַרוואָס זאָל ער יאָ וועלן? גיט ער אָבער, מחילה, אַ משכּון, וואָס איז ווערט פֿינף מאָל אַזויפֿיל וויפֿיל איך גיב אים, און דער משכּון בלייבט ביי מיר, ביי מיר פֿאַרשלאָסן אין קאַסטן, און דער שליסל איז ביי מיר, מוז ער וועלן באַצאָלן, אַ ברירה האָט ער?

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך נישט איינמאָל געהאַט וואָס אויסצו־שטיין. מיינט איר אַז גנבים האָבן זיך נישט מישב געווען און מיר נישט געוואָלט אַלץ אַרויסטראָגן ביינאַכט? איר קאָנט שמעונקען? האָב איך אָבער דערהערט און בין אין איין העמד אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט און זיך געגומען צום בחור. די יינגסטע מיינע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט אָנגעהויבן צו שרייען, שכנים זיינען אַריינגעלאָפֿן דערשראָקענע און האָבן געטראָפֿן אונדז ביידע זיך ראַנגלען. שמעונקען האָט מען מקיים־פּסק גע־ווען, אַז ער האָט נאָך עד־היום צו געדענקען.

און אַז מען מסרט מיך אַ ביסל אונטער און דער סאָטסקי קומט און הייסט זיך וויזן דעם קופֿערט, גיב איך אים אַ האַלב קערבל און אַ ווינק אויף נאָך אַ האַלבן און ער איז גלייך ווי איבערגעביטן. און אַז דער פּריסטאַוו האָט געשיקט מיך רופֿן און האָט נישט געזשאַלעוועט און האָט געזאָגט, איך זאָל אים געבן אַ צענערל, האָב איך מיך גאַרנישט געשעמט און אַרויסגענומען אַ פֿינפֿערל. אַפֿילו דער מלאך־המות אַליין זאָל קומען, וועל איך נישט בטל ווערן פֿאַר אים. נאָר איינס האָב איך קיין חשק נישט, אַז איך וועל שטאַרבן: מען זאָל מיך נישט ווידער ברענגען אינאיינעם מיט מיין מאַן, און איז ער אַ שמש אין גן־עדן, צי אַ תּהלים־זאָגער — אַ קשיה אויף אַן ערלעכן יידן! — דינג איך מיר ליבערשט אָפּ אַ ווינקעלע אין גיהנום. נישקשה, דאָרט זיינען אויך פֿאַראַן מענטשן, און אַז עס ברענט, נעמט מען אַ דייזשקע וואַסער און מען גיסט זיך אָפּ.

יאָ, איר האָט צו טאָן מיט שרהן. אַז אייער מאַמע, די רביצין, האָט און אַז פֿאַר איר, אַז זי האָט נאָר באַדאַרפֿט, האָב איך יאָ געהאַט דאָס נאָר געלעבט, האָט זי פֿון מיר געהאַלטן, און האָט געוואוסט ווער איך בין,

דרייערל אַ גמילות־חסד. אַז איר ווילט, לייענט מיר איבער אַט־אַ דעם וועקסל. מיינט איר, אַז איך ווייס נישט פֿונעם קורס און קען נישט אַלץ באַרעכענען? איך ווייס אויך, אַז עס זיינען דאַ צייטונגען און אַז איר לייענט זיי...

## די עגונה

האָב איך צו איר געזאָגט: קער אום מיין קינד די ק״ן קערבלעך, וואָס איך האָב איר געגעבן אין נדן, און גיב איר אַרויס די הלבשה און לאָז זיין אַן עק; האָט ער צו מיר געזאָגט: שווער, איך הער אייך מיט אייער רעדן פֿאַר אַ פּיאַטאַק. טענה איך און בעט זיך ביי אים רחמים: בערל, האָסט שוין גאָרנישט קיין יושר, גייען מיר צו מענטשן, אַז דו ווילסט. אַדרבה, טאָמער ביסטו גערעכט! איז גיי, רייד מיט אַ הולטאַי! ווער איז מיר שולדיק, אַז איך האָב גענומען מיין טאָכטער און זי אַריינגע־געבן אין אַזוינע הענט. איר האָט געדאַרפֿט זען זי צו דער חתונה, אַ ליכטיק ווייבל, וואָס מען האָט אין איר צורה נישט געקאָנט אַריינקוקן פֿאַר שיינקייט און בטבע אַ מזג־טוב און אַ גוטס. אַז עס גיט זיך איין, גערעט עס שוין אין אַלעמען! אַז ער איז נישט ווערט איר פּיאַטע: אַ מענטש, וואָס האַלט זיך שטענדיק קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט און וואו ער רירט זיך צו, דערלייגט ער, און פּרוּווט אים עפּעס זאָגן, ווערט ער אייך גלייך אָנגעצונדן און דערצו נאָך אַן עקשן, און אַ ביטערער יונג, און גייט אַרום תמיד אָנגעבלאָזן. פֿאַר אים יוצא זיין קאָן קיינער נישט.

תּיכּף אַז ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט און איך האָב געזען, ווי אַזוי עס צערינט ביי אים פֿון חודש צו חודש און ער הייבט נישט אָן צו האָבן אויף דער מחשבה, ווי אַזוי עס איז מיר שווער אָנגעקומען, האָב איך געפּרוּווט אַ רייד צו טאָן מיט אים, ווי מען רעדט מיט אַ קינד: טו אַזוי און אַזוי און דו וועסט קומען צו אַ תּכלית. איז ער אָבער אַן עקשן: ווייל מען זאָגט אים, טוט ער דווקא קאַפּויער, ווי דער עכטער צו־להכעיסניק. דערווייל האָב איך דאָך נאָך קינדער, האָב איך געמוזט אַראָפּנעמען די האַנט פֿונעם האַרצן און האָב געמוזט צוזען, ווי ער קייעט איין פֿינפֿערל נאָך דעם אַנדערן, און מען עסט שוין גאָר אַ פֿרעמד קערבל... איך פֿרעג מיך אַליין, וואו איז געווען מיין קאָפּ צו טאָן אַט־דעם שידוך. דוכט